מאָנטאָג, פעברואַר 27, 1967

# דר. שמואל סאָלאָווייטשיק, למדן און געלערנטער, נפטר געוואָרען צו 57 יאָר

לעצטען פרייטאָג־צו־נאַכט איז נאָך אַ קורצער קראַנקהייט נפטר געוואָרען אין מאַנטעפיאָרע האָספיטאל, דר. שמואל סאלאווייטשיק, פּראָפעסאָר פון כעמיע אין ישיבה אוניוורסיטעט. ער איז אַלט געוועזן 57 יאָר.

די לויה קומט פאָר, היינט מאָנטאָג, 11 פאַרמיטאָג פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן, אַמסטערדאַם עוועניו און 186־טע סט., ניו יאָרק.

דר. שמואל סאלאווייטשיק, ווי אַ זון פון דער באַרימטער רבנ׳ישער סאָלאווייטשיק משפחה, איז געוועזן אַ פּראָמינענטער געלערנטער און וויסענשאַפטסמאַן, ווי אויך אַ גרויסער תלמיד חכם, וואָס האָט געווידמעט זיין קורצן אָבער פרוכטבאַרען לעבען צו תורה, חסד און צדקה.

ר׳ שמואל סאלאווייטשק איז געבוירען געוואָרען אין ראסיין, ליטע, וואו זיין גרויסער פאָטער דער גאון ר׳ משה סאלאווייטשיק איז געוועזן רב פון שטאָט און האָט דאָרט גלייכצייטיג אָנגעפירט מיט אַ ישיבה. זיין מוטער, הרבנית פּעשע סאלאווייטשיק, וועלכע איז נפטר געוואָרען מיט אַ חודש צוריק אין ניו יאָרק, איז געוועזן אַ טאָכטער פון דעם באַרימטען פרוזשינער רב, דער גאון ר׳ אליהו פיינשטיין.

ער איז געוועזן דער מיטעלסטער פון די דריי גרויסע זין פון הגאון ר׳ משה סאלאווייטשיק. דער עלטערער ברודער איז דער באַוואוסטער גאון און ראש ישיבה ר׳ יוסף דוב הלוי סאלאווייטשיק, און דער אינגערער ברודער איז הגאון ר׳ אהרן סאלאווייטשיק, דער ראש הישיבה פון בית מדרש לתורה אין שיקאַגאָ.

דער פאַרשטאָרבענער דר. שמואל סאלאווייטשיק האָט שטודירט כעמישע וויסענשאַפטען אין בריסעלער אוניווערזיטעט אין בעלגיע, וואו ער האָט אויך באַקומען זיין דאָקטאָראַט. אַלס גרויסער כעמיקער האָט ער זיך אויך באַטיי־

(שלוס אויף זייט 2 — קאָלום 1)

## דר. שמואל סאָלאָווייטשיק נפטר געוואָרען

(שלוס פון דער ערשטער זייט)

ליגט מיט וויכטיגע פאָרשונגסאַרבעטען אין די באַרימטסטע וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען פון דער גאַנצער וועלט און איז אויך פיל מאָל איינגעלאַדען געוואָרען צו אַלטען פאָרטראַגען ביי פאַרזאַמלונגען פון געלערנטע און וועלטאַקאַדעמיעס. אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט ער געהאַלטען אַ וויכטיגען רעגירונג׳ס אַמט אין דעפענס דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן, וואו ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט.

דר. סאלאווייטשיק איז אַלס פּראָפעסאָר פון כעמיע אין ישיבה אוניוורסיטעט, פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָר געוועזן זעהר באַליבט ביי זיינע סטודענטען, גאָר באַזונדערס פאַר זיינע שיינע זעלטענע מידות און פאַר זיין פריינדליכער באַציאונג. ער איז געוועזן אַ גרויסער בעל צדקה און מכניס אורח און האָט אין זיין הויז אויסגעהאַלטען אָרימע סטודענטען. די תלמידים זיינע האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט גרויס פריינדשאַפט און פאַרערונג.

הרב דר. שמואל בעלקין, פּרעזידענט פון ישיבה אוניווערזיטעט, האָט נעכטען אויסגעדריקט גרויס צער און טרויער אויף דעם פריצייטיגען טויט פון דעם גרויסען תלמיד חכם און געלערנטען. ער האָט באַזונדערס אויסגעדריקט גרויס מיטגעפיל צו דער רבני׳שער סאלאווייטשיק משפחה, וועלכע איז נאָך איינגעהילט אין טרויער אויפ׳ן פאַרלוסט פון זייער מוטער.

אויסער די צוויי אויבענדערמאָנטע ברידער רבנים האָט דער נפטר אויך איבערגעלאָזט צוויי שוועסטער, מרס. שולמית מייזעלמאן און מרס. חנה גערבער, ביידע פון באָסטאָן.